# דער מעדיצינישער כּתבֿ־יד פֿון מעסטרע 1474[1]

דאָס יאָר 1474 איז אַ וויכטיקע דאַטע אין שייַכות מיט דער מעדיצינישער ליטעראַטור אויף יִדיש. ס׳איז נישט די דאַטע פֿונעם ערשטן מעדיצינישן טעקסט אויף יִדיש - אַלע געדענקען מסתּמא אַ כּתבֿ־יד וואָס איז אַ געוויסע צײַט געווען ״דער עלטסטער דאַטירטער כּתבֿ־יד אויף יִדיש״[2] און וואָס האָט צו טאָן מיט הקזה, מיט לאָזן צו דער אָדער (אָדער ״בלוטלאָזונג״) הייסט עס. דער אָ פֿראַגמענט וואָס מע האָט געפֿונען אין קעלן שטאַמט אַזש פֿון 14טן י״ה, ער איז כּמעט מיט 100 יאָר עלטער פֿון דעם מאַנוסקריפּט וואָס איך רעד אַרום איצט.

שפּעטערדיקע מאַנוסקריפּטן און געדרוקטע מעדיצינישע ביכער אויף מערבֿ־יִדיש ביזן 18טן י״ה און ביז דעם באַרימטן בוך פֿון משה מאַרקוזע, וואָס האָט זיך געדרוקט 1790 אין פּאָריצק, פּרוּוו איך ניט אויסרעכענען, כאָטש יעדער ווערק פֿאַר זיך איז אינטערעסאַנט, און ווער רעדט נאָך: אַ פֿאַרגלײַך פֿון אַלע פֿאַרשיידענע פֿאַראַנענע ווערק און זייערע אויסגאַבעס, וואָס צו־זאַמען זענען זיי דער קאָנטעקסט, דער אַרום אין וועלכן צו באַטראַכטן יעדער באַזונדערן איינס. דאָס איז אָבער אַ טעמע פֿאַר אַ ביבליאָגראַפֿישער אַרבעט וואָס וואָלט געפֿאָדערט צו פֿיל צײַט און - ווער ווייסט - אפֿשר נישט אַרויסגערופֿן קיין גוואַלדיקן אינטערעס. אַנדערש וועט זיכער זײַן ווען איך קאָנצענטריר זיך שוין אויף איין טעקסט!

אין פֿאַרגלײַך מיט דעם איינציקן בלאַט פֿון קעלן, וואָס איז נאָך דערצו פֿראַגמענטאַריש, איז דער־אָ מאַנוסקריפּט פֿון מעסטרע (אַ מאָל לעבן ווענעציע, הײַנט אַ טייל פֿון דער שטאָט) אָן אַ שיִעור גרעסער און, לויט זײַן אינהאַלט, אינטערעסאַנט אויף גאָר אַן אַנדערן אופֿן. עס איז אַ ברייטפֿאַרנעמיקע זאַמלונג פֿון מעדיצנישע (און לאָמיך זאָגן פּאַראַמעדיצינישע) רעצעפּטן וואָס אינעם הײַנטיקן צושטאַנד נעמט זי אַרום 154 בלעטער - כאָטש מיר וועלן זען אַז עס פֿעלט נישט ווינציק פֿון דעם אָריגינאַל — און לויט די נומערן פֿון די רעצעפּטן זענען אַ מאָל געווען 1248 רעצעפּטן; לויט די באַשרײַבונגען, שטאַמען זיי אַלע פֿון איין האַנט, ד״ה אַז איך רעכן ניט אַרײַן 11 צוגאָב־נומערן וואָס זענען זיכער שפּעטער צוגעקומען. די־אָ נומערן זענען אָבער עלטער ווי דער פֿאַרלוסט פֿון עטלעכע בלעטער, אַזוי אַז די צאָל רעצעפּטן וואָס מע קען פֿאַקטיש לייענען איז אַ קלענערע, כאָטש מיר ווייסן לערך וועגן וואָס עס איז געגאַנגען אין יעדער נומער אַ דאַנק אַ רשימה פֿון רעצעפּטן וואָס איז יאָ פֿולשטענדיק... ביז צו דעם מאָמענט ווען מע האָט געמאַכט די רשימה, דהײַנו ביז רעצעפּט נומער 968... דאָס העלפֿט טאַקע צ״ב צוליב דעם, וואָס דער אָנהייב פֿון כּתבֿ־יד איז פֿאַרפֿאַלן געוואָרן, אַזוי אַז פֿון די ערשטע 260 רעצעפּטן ווייסן מיר בלויז דאָס וואָס די רשימה זאָגט אויס.

מע טאָר דאָס אָבער ניט אַוועקמאַכן מיט דער האַנט: געוויסע גרופּעס לאָזן זיך דערקענען אויפֿן סמך פֿון די־אָ טיטלען, דהײַנו די פֿאָלגנדיקע דרײַ (פֿאַרלוירענע) ״טראַקטאַטן״: 1) אַ סעריע אָנווײַזונגען וועגן

---

1 דער טעקסט איז אַדאַפּטירט פֿון רעפֿעראַט מיטן זעלביקן טיטל, געהאַלטן אויפֿן ״XVIIטן סימפּאָזיום פֿאַר יִדישע שטודיעס אין דײַטשלאַנד״ (דעם 27סטן אויגוסט 2014 אין דיסלדאָרף).

2 Salomo Birnbaum: Das älteste datierte Schriftstück in jiddischer Sprache. In: Beiträge zur Geschichte der deutschen Sprache und Literatur 56 (1932) [22-11 ז׳].

> דיאַגנאָז לויט באַטראַכטן די השתּנה (Harnbeschau, נ״ר 43-61) ווײַזט אויף די פֿאַרשיידענע מעגלעכע אַספּעקטן אין דעם זעלביקן סדר וואָס אין באַקאַנטע דײַטשישע טעקסטן פֿון דעם מין (זינט דעם Bar-tholomäus); 2) אַ סעריע קרײַטעכצער, וואָס אויך אין זייער פֿאַל וועט אפֿשר דער סדר פֿון די פֿלאַנצן־נעמען דערמעגלעכן צו דערקענען פּאַראַלעלן (v̄un den kröutėrn נ״ר 62-160); 3) אַ סעריע מיטלען וואָס הייסן ״וואַסערן״, מסתּמא אַ קרובֿ פֿון דעם Buch von den gebrannten wassern, כאָטש דער סדר שטימט ניט מיט די בײַשפּילן וואָס זענען מיר דערווײַל באַקאַנט.

די צאָל רעצעפּטן ווערט אויך אַ ביסל פֿאַרקלענערט דורך דעם, וואָס עטלעכע פֿון זיי חזרן זיך איבער צוויי און אַפֿילו דרײַ אָדער פֿיר מאָל, מסתּמא אַ סימן אַז דעם כּתבֿ־יד האָט מען געשריבן במשך פֿון אַ רעלאַטיוו לאַנגן פּעריאָד. עס טרעפֿט אויך פֿאַרקערט, אַז עטלעכע מיטלען ווערן באַשריבן אונטער דעם זעלביקן רעצעפּט־נומער. צוליב דעם קען איך אײַך ניט זאָגן גענוי וויפֿל רעצעפּטן עס זענען פֿאַקטיש פֿאַראַן אין דעם כּתבֿ־יד אַזוי ווי ער געפֿינט זיך איצט אין שטוטגאַרט.[3]

לאָמיך אָבער קלאָר מאַכן אַז כאָטש איך מיין אַז דער־אָ טעקסט פֿאַרדינט אַ פּרטימדיקערע אויספֿאָרשונג ווי דאָס וואָס מע האָט ביז אַהער געטאָן - און אַוודאי ווי דאָס וואָס איך קען אײַך ווײַזן הײַנט - איז ער ווײַט ניט אומבאַקאַנט. מיר פֿאַרמאָגן גאַנצע פֿיר באַשרײַבונגען פֿון דעם מאַנוסקריפּט.

* מיט דער ערשטער האָט אונדז מזכּה געווען בערנשטיין אין אַן אַרטיקל וואָס איז אַרויס דאָס ערשטע מאָל אין דער בוענאָס־אײַרעסער צײַטשריפֿט ״דווקא״ - און וואָס ער האָט אויך איבערגעדרוקט מיט אויסבעסערונגען צ״ב אין זײַן בוך: ״ניט דערבערענטע שײַטן״.[4] בערנשטיין איז אַרומגעפֿאָרן איבער דײַטשלאַנד אָפּזוכנדיק שיימעס אין פֿאַרשיידענע אַרכיוון און בי־בליאָטעקן און ער האָט אין שטוטגאַרט געפֿונען גאַנצע צוויי מעדיצינישע מאַנוסקריפּטן (דער צווייטער שטאַמט פֿון 1508 [!]), וואָס ביידע זענען זיי געשריבן געוואָרן אין צפֿון־איטאַליע, ביידע זענען זיי אַריבערגעגאַנגען צו דער זעלביקער מאָנאַכישער ביבליאָטעק אין ווײַנגאַרטן, און ביידע זענען ביז דעמלט ניט געווען באַוווּסט.

ער האָט איבערגעשריבן און פֿאַרעפֿנטלעכט אַ ריי רעצעפּטן וואָס ער האָט אײַנגעסדרט לויט פֿאַרשיידענע טעמעס, כאַראַקטעריסטישע פֿאַר דער עלטערער פֿאָלקס־מעדיצין (למשל רע־צעפּטן וואָס ניצן פּסוקים, שיימעס, פֿאַרשיידענע טיילן פֿון בעלי־חיים ווי אויך אַנדערע מיט־לען; ער האָט אָנגעוויזן אויף אַ פּאָר בולט קריסטלעכע עלעמענטן אאַ״וו) און ער האָט באַשריבן די גאַנצע זאַך. ער האָט צ״ב לגבי אונדזער כּ״י געזען אַ ביבליאָטעקאַרישע נומערירונג פֿון די בלעטער וואָס גייט אויף צוריק, לויט דעם קריסטלעכן שטייגער, הייסט עס, ער האָט געפֿונען דעם קאָלאָפֿאָן וואָס שטייט אויף 68r (לויט דער הײַנטיקער, יִדישלעכער נומעראַציע וואָס איז דעמלט ניט געווען) נאָך רעצעפּט נ״ר 786, אַז ״דאָס האָב איך געשריבן פֿאַר ר׳ זעליקמאַן נורבערק פֿון אַ ביכל (פֿאַר זײַן ווײַב פֿריידן בת ראובֿן)״ [די ווערטער וועגן דער פֿרוי קען מען אָבער צום באַדויערן ניט זיכער לייענען] און אַז ״פֿאַרענדיקט האָב איך אין מעסטרע ר״ח אָדר

3 Stuttgart H.B. XI 17.

4 מרדכי וואָלף בערנשטיין: צוויי רעצעפּטן־כּתבֿ־ידן אין אַלט־יִדיש פֿון די יאָרן 1474 און 1509. אין: דווקא 4 (1953), ז׳ 330-361 – און אין: ניט דערבערענטע שײַטן (= אַרגענטינער יִוואָ־ביבליאָטעק 17), בוענאָס־אײַרעס 1956, ז׳ 183-221 (nybc206389).

רל״ד (1474)״ - אַ פּאָר צוגאָב־דעטאַלן דערצייל איך אײַך ניט, ווײַל מיר דאַרפֿן איצט ניט דעם געוויען אַדרעס.

* אַ צווייטע באַשרײַבונג איז פֿאַרעפֿנטלעכט אין »Striedl/Róth«,[5] אַ קאַטאַלאָג פֿון העברעיִשע מאַנוסקריפּטן אין דײַטשישע ביבליאָטעקן - און איך האָב מורא אַז דאָס איז די בעסטע באַשרײַבונג וואָס מיר פֿאַרמאָגן דערווײַל. די שפּעטערדיקע זענען איינע אינעם קאַטאַלאָג ״ייִדיש אין איטאַליע״,[6] וואָס איז גאַנץ גוט אָבער אַ ביסל קירצער, מסתּמא האָבן די מחברטעס מורא געהאַט צו לאַנגווײַליקן די לייענערס פֿון זייער קאַטאַלאָג, אָדער זיי האָבן געדאַרפֿט דאָס אָרט פֿאַר באַשרײַבונגען פֿון אַנדערע אוצרות פֿון איטאַליע... און עס בלײַבט נאָך די באַשרײַבונג וואָס דזשעראָלד פֿרייקס גיט ווי אַן אַרײַנפֿיר צו זײַן אָפּקלײַב פֿון דעם כּתבֿ־יד[7] - וואָס איז אין דער אמתן אַן אָפּקלײַב פֿון געוויסע רעצעפּטן פֿון די וואָס בערנשטיין האָט בשעתּו געהאַט אויס־געקליבן, נאָר וואָס דען, אײַנגעסדרט שוין ניט לויט טעמעס און קוראַציע־מעטאָדן, נאָר צוריק לויט די בלעטער פֿון כּתבֿ־יד - און דורכקאָנטראָלירט צו דערנענטערן זיך צו דעם אויסלייג פֿון אָריגינאַל. די באַשרײַבונג איז אָבער אַזוי, אַז די תּוכן־רשימה, צ״ב, שטייט בײַ אים אויף די בלעטער וואָס נומערירט אויף קריסטלעך, בשעת צו די רעצעפּטן שרײַבט ער צו די נומערן וואָס אין דער פֿאַרקערטער ריכטונג... קורץ פֿון דער זאַך, ס׳איז נאָך אַלץ שווער זיך פֿאָרצושטעלן דעם כּתבֿ־יד. וועל איך פּרוּוון צו צייכענען אַ פּלאַן פֿון דעם גאַנצן כּתבֿ־יד, וואָס זאָל ווײַזן וואָס און ווו. ווײַל ס׳איז אַ מאַפּע וואָס גייט אויף איין זײַטל, מוז איך אויסלאָזן זייער אַ סך אינפֿאָרמאַציעס, צ״ב אַלץ וואָס איז ניט מיט ייִדישע אותיות: די שוצבלעטער בײַם אָנהייב און בײַם סוף, די לאַטײַנישע קאָמענטאַרן וואָס שטאַמען מסתּמא פֿון די מאָנאַכן פֿון ווײַנגאַרטן און אַפֿילו טייל צוגעגעבענע ווערטער און ציפֿערן מיט ייִדישע אותיות וואָס דאָ און דאָרטן. איך גיב אויך ניט דאָס אָרט פֿון יעדער נומערירטן רעצעפּט. איך האָף אָבער אַז אַזוי אַרום קען מען קריגן אַ גוטן איבערבליק פֿון דעם וואָס מיר האָבן.

ווי געזאָגט, פֿעלן אין אָנהייב 260 נומערן - עס איז איבעריק צו פּרוּוון טרעפֿן וויפֿל בלעטער זענען דאָרט פֿאַרלוירן געוואָרן, איך הייב אָן פֿונעם בלאַט מיטן נומער 14. ווי געזאָגט איז דאָס אַ נײַע נומעראַציע וואָס זאָגט ניט עדות וועגן וויפֿל עס איז פֿאַרלוירן געגאַנגען, נאָר וועגן וואָס ס׳איז דאָ אין דעם איצטיקן באַנד: 13 בלעטער וואָס זענען צוגעקומען בײַם אײַנבינדער און וואָס האָבן אין תּוך נישט צו טאָן מיט דעם איטאַליענישן כּתבֿ־יד. נאָך די ערשטע צוויי אָריגינעלע בלעטער וואָס מיר פֿאַרמאָגן יאָ איז דאָ אַ בלויז וואָס מע דערקענט גרינג דורך די פֿעלנדיקע נומערן (וואָס שטייען יאָ מיט אַ טיטל אין דעם תּוכן). לויט דעם טייל וואָס מיר פֿאַרמאָגן קען מען רעכענען אַ דורכשניט פֿון 10 רעצעפּטן אויף איין בלאַט, דאָס הייסט אַז ווו 30 נומערן זענען פֿאַרפֿאַלן געוואָרן פֿעלן אַן ערך 3 בלעטער. אין גאַנצן זיכער קען מען ניט זײַן ווײַל געוויסע רעצעפּטן קענען אַ מאָל זײַן אַ סך לענגער ווי אַנדערע. דער דריטער בלויז איז נאָך גרינגער פֿעסטצושטעלן, ווײַל נ״ר 391 וואָלט געדאַרפֿט זיך ענדיקן אויף דעם קומענדיקן בלאַט און מע

5 Hebräische Handschriften ; Teil 2. / hrsg. von Hans Striedl unter Mitarbeit von Lothar Tetzner. Beschrieben von Ernst Róth. Stuttgart 1965 (605 נ״ר).

6 = Yiddish in Italia. Yiddish manuscripts and printed books from the 15th to the 17th century (אַרויסגעגעבן פֿון חוה טורניאַנסקי און עריקאַ טים), Milano 2003 (71 נ״ר).

7 Jerold C. Frakes: Early Yiddish Texts (עלטערע ייִדישע טעקסטן), 1100 – 1750. Oxford 2008 (דאָ, נ״ר 19, ז׳ 72-77).

געפֿינט דאָרט גאָר דעם סוף פֿון אַן אַנדער רעצעפּט. וועט עמעצער אפֿשר פֿרעגן, צי וואָלט מען געוווּסט אַז ס'איז אַן אַנדער רעצעפּט, אויב מע וואָלט ניט געהאַט די נומערן? איז דער ענטפֿער: יאָ, מע וואָלט זיך כאָטש געקענט משער זײַן, ווײַל כאָטש בײדע רעצעפּטן האָבן צו טאָן מיט פּראָבלעמען אין שײַכות מיט די אויערן, קלעפּט זיך ניט דער סינטאַקס אין דעם אָרט...

<u>אַ סקיצע פֿונעם כ״י</u>:

וועגן די פֿאַרלוירענע נר״ר 1-260, פֿ״גל אויבן.

נר״ר 278-261 — fol. 14$^{r}$ – 15$^{v}$

עס פֿעלן 30 נר״ר (279-308) [3 בל״ל ?]

נר״ר 340-309 — fol. 16$^{r}$ – 18$^{v}$

עס פֿעלן 11 נר״ר (341-351) [1 בל׳ ?]

352-391אָ — fol. 19$^{r}$ – 22$^{v}$

עס פֿעלן ≈ 8 נר״ר (391ס־399אָ) [1 בל׳]

נר״ר 399ס־495 — fol. 23$^{r}$ – 34$^{r}$

צוגאָבן און נר״ר 961-968 (34$^{v}$־35$^{r}$), פֿ״גל נאָך 92$^{r}$, נ״ר 960 — fol. 34$^{v}$ – 36$^{v}$

נר״ר 496-502אָ — fol. 37$^{r}$ – 37$^{v}$

עס פֿעלן ≈ 6 נר״ר (502ס־507)

נר״ר 508-573אָ [fol. 44 נ״ר 563 אויסגעשניטן אין אײנעם מיט 562ס און 567אָ] — fol. 38$^{r}$ – 45$^{v}$

עס פֿעלן ≈ 9 נר״ר (573ס־582) [fol. 1]

נר״ר 583-786 + קאָלאָפֿאָן [און שפּעטערדיקע פֿאַראָדישע צוגאָבן] — fol. 46$^{r}$ – 68$^{r}$

שפּעטערדיקע ניט־נומערירטע פֿערד־מעדיצינישע צוגאָבן — fol. 68$^{v}$

נר״ר 787-877 — fol. 69$^{r}$ – 82$^{r}$

שפּעטערדיקע ניט־נומערירטע פֿאַראָדישע צוגאָבן fol. 82$^{v}$

נר״ר 878-960 [שפּעטערדיקער צוגאָב 91$^{r}$אונטן־91$^{v}$אויבן] — fol. 83$^{r}$ – 92$^{r}$

די פֿערד־מעדיצינישע נר״ר 961-968 שטייען fol. 34$^{v}$–35$^{r}$ [דערנאָכדעם, פֿון אַ שפּעטערדי־קער האַנט, אַ רשימה פֿערדרעצעפּטן מיט שייכיקע צוגאָבן ביז 36$^{v}$]

ליידיק — fol. 92$^{v}$

אינדעקס צו די נר״ר 1-968 [126$^{v}$ איין שפּעטערדיקע נאָטיץ] — fol. 93$^{r}$ – 126$^{v}$

969 - 1248 [צוגאָב אויף 128$^{v}$] — fol. 127$^{r}$ – 150$^{v}$

שפּעטערדיקע צוגאָבן נר״ר *1249-*1259 — fol. 150$^{v}$–151$^{v}$

ניט־נומערירטע צוגאָבן [בל׳ 152, אײבערשט דריטל אָפּגעשניטן] — fol. 152$^{r}$–154$^{v}$

אין גאַנצן בלײַבן 860 נר״ר (צוויי מאָל ״נ״ר 558״), דערפֿון 11 נר״ר (*1249פֿפֿ.) פֿון אַ שפּעטערדיקער האַנט.

איבערגעחזרטע רעצעפּטן [968=$|^{B}$=969 786=$|^{A}$=787]:

323=$|^{A}$=873, 354=615=$|^{A}$=903, 477=$|^{A}$=848, 482=707, 486=$|^{A}$=871, 494=587=638=$|^{A}$=953, 496=$|^{A}$=810, 518=752b, 521=571b, 528=550=$|^{AB}$=973, 561=605, 569b=730=$|^{AB}$=994, 591=$|^{A}$=789=$|^{B}$=1004, 593=$|^{A}$=837, 596=$|^{A}$=791, 599=$|^{A}$=(819)=887, 601=$|^{AB}$=1198, 608=$|^{A}$=838=$|^{B}$=1074, 612=$|^{AB}$=1193, 645=$|^{A}$=934, 651=$|^{AB}$=991, 659=702b=$|^{AB}$=1023, 687=748b=$|^{AB}$=(1097), 693=$|^{A}$=795, 696=$|^{AB}$=1202, 718=$|^{A}$=931, 744=780a, 747=$|^{AB}$=983, 758=$|^{AB}$=1078, 797=$|^{B}$=1076, 820a=832, 843=$|^{B}$=1201, 884=950, 1050=1082, 1080=1196, 1189=1243.

ווי מע קען דאָ זען, איז דער כּתבֿ־יד אין אַ קלאָרן, מסתּמא דעם אָריגינעלן סדר, ניט צעמישט – אַחוץ די נומערן 961-968 וואָס האָבן צו טאָן מיט פֿערד־מעדיצין און וואָס מע האָט ווײַזט אויס שפּעטער צוגעגעבן אויף אַ ליידיק אָרט (בלאַט 34-35), ווען דער כּתבֿ־יד איז געקומען צו אַן ערשטער כּלומרשט פֿולשטענדיקער פֿאָרעם. דעמלט האָט מען אויך צוגעגעבן אַ פֿולע רשימה פֿון תּוכן ביז אַהין, און די רשימה פֿאַרנעמט גאַנצע 34 בלעטער (68 זײַטן). מע זעט אויך אַז דער קאָלאָפֿאָן איז געווען פֿאַרשריבן פֿריִער פֿאַר דעם. פֿון דעם זעט מען כאָטש אויך אַז אַפֿילו אַרויסלאָזנדיק אַ סך פֿון דעם וואָס שפּיגלט נישט אָפּ די ערשטע פֿאַזע פֿון דער געשיכטע פֿון כּתבֿ־יד, איז די סטרוקטור פֿון בוך ניט געווען גאַנץ גרינג צו דערקלערן.

צווישן די שפּעטערע אַוואַנטורעס, וואָס ווײַזן אָדער אַז ס׳איז פֿריִער געהאַט געבליבן אַ ביסל פֿרײַ אָרט אָדער וואָס פֿירן דערצו אַז אַ טייל פֿון טעקסט איז פֿאַרלוירן, איז אינטערעסאַנט צו באַמערקן אַז אויף בל. 44 האָט מען נ״ר 563 אויסגעשניטן אַזוי, אַז פֿון דער צווייטער זײַט פֿעלט אַ גרויס שטיקל פֿון אַן אַנדער רעצעפּט. זיכער האָט מען אָבער געמיינט נ״ר 563, ווײַל ס׳איז דאָס איינציקע וואָס פֿעלט אין גאַנצן און ווײַל דער טיטל וואָס מיר קענען לייענען אין דעם תּוכן (דאָ בל׳ 111ב) זאָגט, אַז דאָס העלפֿט ״זא דו אובר ועלט גישט אונ׳ זיכשט איין גזלן״.[8] מען קען פֿאַרשטיין פֿאַר וואָס אַ מענטש האָט דווקא דאָס אויסגעשניטן און מיטגענומען אין וועג, ניט וועלנדיק שלעפּן דאָס גאַנצע בוך. צי עס האָט געהאָלפֿן צי נישט, ער האָט דאָס צעטל ווײַזט אויס ניט אומגעקערט אין בוך.

אינטערעסאַנט איז אויך, אַז צוויי רעצעפּטן זענען פֿאַרשוואַרצט געוואָרן, מסתּמא ווי אַ מין צענזור. איך בין אין דעם חושד די מאָנאַכן, ווײַל אין דעם ערשטן פֿאַל, נ״ר 951, זע איך אַז עס דערקלערט ״ווילטו איין ורוייא צו איינר יונק ורוייאן מאכן״[9] – קען מען זיך פֿאָרשטעלן אַז עס האָט די פֿרומע קריסטן ניט געשמעקט מע זאָל פֿאַרשפּרייטן מיטלען אַזוינס צו טאָן. אין דעם צווייטן פֿאַל, נ״ר 1044 קען איך גאָרניט זאָגן, ווײַל איך דערקען קוים אַ וואָרט דורך דעם שוואַרצן פֿלעק. עס זעט אויס אַז דאָס לעצטע וואָרט איז דער נאָמען פֿון מלאך אוריאל, אַזוי אַז עס איז מסתּמא געווען אַ רעצעפּט מיט אַ כּישוף, אָבער אַנדערע בײַשפּילן דערפֿון זענען פֿאַראַן און קיינער האָט זיי ניט אָפּגעמעקט... און צום באַדויערן, איז נ״ר 1044 שוין נאָך דעם טייל וואָס מיר האָבן פֿון אים אַ פּרטימדיקן תּוכן... קען איך דערווײַל גאָרנישט פֿעסטשטעלן וועגן דעם!

---

8 = ״אַז דו גייסט איבער פֿעלד [ד״ה אויף אַ רײַזע] און דו זעסט אַ גזלן״.

9 = ווילסטו מאַכן פֿון אַ פֿרוי אַ בתולה״.

די באַשרײַבונג פֿון דעם באַשטאַנד ווײַזט צוויי בולטע צעזורן אין דעם מאַטעריאַל - לאָמיך זיי אָנרופֿן A און B - (A גענפֿינט זיך צווישן $786=|^{A}=787$ מיט דעם קאָלאָפֿאָן, B איז צווישן $968=|^{B}=969$ מיט דעם תּוכן אָדער ״אינדעקס״). זי ווײַזט אויך, אַז אַראָפּרעכענענדיק די 260 נומערן וואָס פֿעלן בײַם אָהייב און די בלויזן אין אַנדערע ערטער ווו מאַטעריאַל איז פֿאַרלוירן געגאַנגען, פֿאַרבלײַבן פֿון דער ערשטער האַנט קנאַפּע 850 רעצעפּטן. אַגבֿ: די־אָ מאַטעריעלע פֿאַרלוסטן זענען ייִנגער פֿון דעם אינדעקס, עס קען אָבער געמאָלט זײַן אַז די נומעראַציע האָט מען ערשט געמאַכט בײַם שרײַבן דעם תּוכן; אין דעם פֿאַל איז ניט אין גאַנצן אויסגעשלאָסן אַז דער סדר פֿון די בלעטער איז געשטערט געוואָרן נאָך פֿאַר דעם. איך האָב ניט געפֿונען קיין סימן דערפֿון, איך וויל אָבער די מעגלעכקייט כאָטש דערמאָנען.

מע קען אָבער ניצן די פֿריִער דערמאָנטע איבערחזרונגען כּדי צו אַנטדעקן נאָך ווײַטערדיקע צעזורן. לאָמיך דאָס בעסער דערקלערן: דאָס בוך איז זייער גרויס, די שפּעטערדיקע געדרוקטע ביכער פֿאַרמאָגן ווײַט ניט קיין 850 רעצעפּטן (פֿון 1250 איז אָפּגערעדט). איז דורכויס מעגלעך אַז די־אָ מעסטרער זאַמלונג האָט מען אָפּקאָפּירט פֿון עטלעכע ביכער (מאַנוסקריפּטן הייסט עס) וואָס מע האָט נאָך אַנאַנד איבערגעשריבן. דורך דעם האָט זיך געקענט מאַכן אַז אַ רעצעפּט וואָס איז פֿאָרגעקומען אין צוויי אָדער מער קלענערע זאַמלונגען האָט מען איבערגעשריבן אין פֿאַרשיידענע ערטער פֿון אונדזער גרויסער זאַמלונג. אַן אַנאַליז פֿונעם ווערטער־אוצר קען שטיצן דעם פּרוּוו צו איזאָלירן גרופּעס רעצעפּטן וואָס האָבן געקענט זײַן צוזאַמען אין איינעם פֿון די־אָ פֿריִערדיקע (פֿאַרלוירענע) מקורים־ביכעלעך, וואָס שטאַמען מסתּמא פֿון פֿאַרשיידענע מחברים און האָבן אַן אַנדערשדיקע געשיכטע.

ס׳איז נישטאָ גענוג קיין אָרט דאָ צו ווײַזן דעם גאַנצן גאַנג פֿון אַנאַליז, וועל איך זיך באַנוגענען מיט אַ באַשרײַבונג פֿון ערשטע רעזולטאַטן וואָס איך וועל אילוסטרירן מיט אַ פּאָר בײַשפּילן. לויט מיר קען מען אויף דעם אופֿן דערקענען אויף זיכער דרײַ גבֿולן אָדער סעקטאָרן אינעם טעקסט, וואָס זיי זענען שפּראַכיק – און דאָס הייסט אויך מיט זייער פֿריִערדיקן גורל – אַנדערש איינער פֿונעם צווייטן: די ערשטע צוויי – פֿאַר דער ערשטער גרויסער צעזור וואָס מיר האָבן דעפֿינירט. מע קען ניט (אָדער נאָך ניט) אָנגעבן קיין שאַרפֿע גרענעצן, פֿאַרשטייט זיך, ווײַל דער באַווײַז איז אָפּהענגיק פֿון אַ פּאָר ספּעציפֿישע ווערטער וואָס מוזן זיך נישט דווקא ווײַזן אין יעדער רעצעפּט - און קיין סך סימנים קען מען פֿון אַזאַ סטערעאָטיפּישן סאָרט טעקסט ניט דערוואַרטן.

דער ערשטער טייל (1) פֿאַרמאָגט די נומערן 262 - 472

דער צווייטער טייל (2): נר״ר 508 - 608

דער דריטער טייל (3): נר״ר 807 - 926

אַ פֿערטן טייל (4) האָב איך געפּרוּווט דעפֿינירן אַרום די נומערן 1080 - 1189 אָבער דאָ האָב איך ניט געפֿונען גענוג בולטע סימנים, איך זאָל אַנדערע – אָדער זיך אַליין – קענען איבערצײַגן אַז סע שטימט... אַגבֿ די נעמען פֿון פֿלאַנצן, וואָס זענען אַ וויכטיקער און פּראָבלעמאַטישער טייל פֿון דער לעקסיק אין אַלע מעדיצינישע ביכער אויף מערבֿ־ייִדיש, האָב איך נאָך ניט געניצט (בײַ דעם פּרוּוו), צוליב דעם אַז עס איז זייער שווער צו באַשטימען אויב פֿאַרשיידענע נעמען פֿון פֿלאַנצן באַצייכענען טאַקע די זעלביקע פֿלאַנץ. די עלטערע נעמען פֿון פֿלאַנצן זענען

אָפֿט מאָל פֿילטיײַטשיק; אַזאַ קריטעריע וואָלט דערפֿאַר געווען זייער שווער אָנצווווענדן. דאָס מיינט ניט אַז די (פֿאָלקס־)באָטאַנישע טערמינאָלאָגיע ווײַזט ניט אייגענע באַזונדערקייטן, נאָר אַז מע דאַרף דאָס אויספֿאָרשן אין אַ שפּעטערדיקן שטאַפּל, צו וועלכן איך בין נאָך ניט דערגאַנגען.

כאַראַקטעריסטיש פֿאַרן ערשטן טייל זענען די פֿאָלגנדיקע ווערטער: ״טימפּרירן״ [״טעמפּע־רירן״ ד״ה ״אויסמישן״], ״מינשטרווא״ [״מענסטרואַציע״], ״זיכטג״ [״קראַנקייט״ (מה״ד: siechtac)], ״גשווער״ [״געשווילעכץ״], ״ערצנייא״ [״רפֿואה״] , קאָניוגירטע פֿאָרמעס פֿון ״גשוועלן״ [״געשוואָלן ווערן״], דער סובסטאַנטיוו ״גזוכט״ [״קראַנקייט״], פֿאַרבינדונגען מיט דער העברעיִשער פּרעפּאָזיציע ״לְ-״ און אַ נטיה צו ניצן פֿאַרבינדונגען מיט ״דא־ / דר־״ [״דער־״].

כאַראַקטעריסטיש פֿאַרן צווייטן טייל זענען צוויי ווערטער אין שײַכות מיט סעקסועלע ענינים, דהײַנו דער סובסטאַנטיוו ״גיזעלן״ (פֿאַר דעם מענלעכן אבֿר) און דער שייכדיקער ווערב ״טרעמפּילן״, דערצו נאָך ווערט דער סוף פֿון אַ רעצעפּט אָפֿט מאָל אונטערגעשטראָכן מיטן וואָרט ״טובֿ״.

כאַראַקטעריסטיש פֿאַרן דריטן טייל איז דאָס ניצן שטאָטס ״געזעלן״ אַ לשון־קודשדיקן סינאָנים ״גיד״ אָדער ״אבֿר״ און אויך דאָ און דאָרטן אַנדערע העברעיִשע ווערטער וואָס מע געפֿינט ניט ערגעץ אַנדערש אין בוך: ״יין״, ״מים״, ״פּעמים״, אויך דאָס ניצן העברעיִשע צאָלן (אַן איינציקן אות מיט אַ פֿארקירץ־צייכן, אַ מין אַפּאָסטראָף; און פֿאַר אַ סוף־וואָרט נישט ״טובֿ״, נישט ״עס העלפֿט״, נאָר; ״בדוק״. אויך טיפּיש איז דאָ ״זעלוויג״ מיט /וו/.

איך וויל ניט פֿאַרשווײַגן, אַז אַפֿילו אין די אַזוי דעפֿינירטע אונטערגרופּעס געפֿינען זיך אַ מאָל אויך איבערחזרונגען וואָס מע וואָלט געדאַרפֿט דערקלערן אויף אַן אַנדערן אופֿן. אין טייל 2 איז דאָס 528 = 550 און 561 = 605; און אויב מע וויל פֿאַרלענגערן טייל 2 אַזש ביז נ״ר 704 (ווען צום לעצטן מאָל קומט פֿאָר ״טובֿ״ בײַם סוף), דעמאָלט אויך 587 = 638. [אין טייל 3 : a820 = 832].

ווי באַלד דער ערשטער טייל איז רעלאַטיוו גרינג צו דערקענען, ווײַל דער־אָ טייל זעט אויס צו ניצן אַ מער טעכנישן וואָקאַבולאַר מיט ספּעציאַליזירטע מעדיצינישע טערמינען וואָס מע טרעפֿט זיי שפּעטער מער נישט אָן – און דער עיקר ווײַל עס זענען נישטאָ אַזוי פֿיל קלאָרע איבערחזרונגען צווישןביידע ערשטע גרופּעס, לייג איך אײַך פֿאָר צו פֿאַרגלײַכן ענלעכע רעצעפּטן גענומענע פֿון 2טן און 3טן טייל, אַזוי וועט איר זען דעם דערמאָנטן סעקסועלן וואָקאַבולאַר אין קאָנטעקסט. דער ערשטער פֿאַל איז גאַנץ פּשוט (593 = 837)

– 593 –

איינר ורויאן דער ניט זאנפֿט טוט ווען דער מאן ביי איר ליגט . זא זול ער נעמן וענכיל וואורציל אונ׳ זול די וויכן אין ויין ביז זי וייך וירט אונ׳ זול דען גזילן מיט וועשן אונ׳ זול טרעמפילן וד״ל ..[10]

10 אַ פֿרוי וואָס איר איז ״ניט זאַנפֿט״ ווען איר מאַן ״ליגט בײַ איר״ – טאָ לאָז ער נעמען קראָפּוואָרצל, אײַנווייקן אין ווײַן ביז ער ווערט ווייך, דערמיט וואַשן דעם ״געזעלן״ און ״טרעמפּלען״ וד״ל!

– 837 –

**איין אהבֿה**
וועז זיין ווייפא ור שמעהט אונ׳ דש ביי ליגן איר ניט זנפֿט טוט דער נעם וינכיל וואורץ אונ׳ ליג די אין איין וויין אונ׳ לוש זי דא אינן ליגן ביז דש זי קווילט אונ׳ וועש דא מיט זיינן גיד וועז ער ביי זיינם ווייבא וויל ליגן זאווירט זי אין הולט הון ..[11]

אַגבֿ דער באַטײַט פֿון ״טרעמפּלען״, וואָס די פּאַראַלעלע טעקסטן לאָזן אַזוי בולט אַרויסטרעטן איז, ווײַזט אויס, אין די דײַטשישע ווערטערביכער נישט בנימצא...

דער צווייטער פֿאַל איז אַ דרײַפֿאַכיקער רעצעפּט (1074 = 838 = 608), דער דריטער וואַריאַנט איז דערווײַל ניט אין קיין דעפֿינירטער גרופּע (ער שטייט נאָך דער צווייטער צעזור). דאָ ווערט באַהאַנדלט אַן ענלעכע פֿראַגע ווי בײַם פֿריִערדיקן:

– 608 –

דען זיין ווייפא וויינט הוט . דער נעם זיינש שכבת זרע אונ׳ איין וואלפֿש גאל אונ׳ מויש עש אונטר אננדר אונ׳ שמיר דען גזילן דר מיט אונ׳ טרעמפיל זא גווינט זי דיך ליפא . אונ׳ וועז מן אויך שון כישוף היט גטון דענוכט טריבא עש אב ..[12]

– 838 –

**איין אהבֿה**
ווילטו איין ווייפא הילזן דש עש איר גר זנפֿט טוט זא נים איין גאל בֿון איינם וואלף אונ׳ בשטרייך דיינן אבֿר מיט דער גאלן און הילז זי דען זו טוט עש איר גר אונ׳ גר זנפֿט אונ׳ גווינט דיך הולט ..[13]

– 1074 –

איינם דען מאן כישוף היט גטון דש אים זיין ווייפא וויינט ווער
נים וואלפֿש גאלן אונ׳ שנייד עש אין אול אונ׳ שמיר דען אבֿר מיט וועז ער ביי לייט . אז בלדא ווירט גרוש אהבֿה צווישן אין אונ׳ שאט קיין כישוף ..[14]

11 אַן אַהבֿה: ווען מען זײַן ווײַב איז מבֿטל און דאָס ״בײַליגן״ איז איר ״ניט זאַנפֿט״ – טאָ לאָז ער נעמען קראָפּוואָרצל, אַרײַנלייגן אין ווײַן און לאָזן דרינען ביז ער ווערט אײַנגעזאַפּט און וואַשן דערמיט זײַן ״גיד״ ווען ער וויל ליגן בײַ זײַן ווײַב, – וועט זי אים האָלט האָבן״.

12 ווען מען זײַן ווײַב האָט פֿײַנט, – טאָ לאָז ער נעמען פֿון זײַן שכבֿת־זרע און אַ וואָלפֿסגאַל, צונויפֿמישן און דערמיט ״שמירן דעם געזועלן און טרעמפּלען״, אַזוי קריגט זי דיך ליב, און אַפֿילו אויב עמעצער האָט עס אָפּגעטאָן מיט כּישוף, וואָלט עס דעם כּישוף פֿאָרט פֿאַרטריבן״.

13 אַן אַהבֿה: ווילסטו ״האַלדזן״ אַ פֿרוי, אַז עס זאָל איר זײַן ״גאָר זאַנפֿט״, – טאָ נעם אַ גאַל פֿון אַ וואָלף און באַשמיר דערמיט דײַן ״אבֿר״ מיט דער גאַל און האַלדז זי דעמלט, טוט עס איר גאָר־גאָר זאַנפֿט און קריגט דיך האָלט״.

14 עמעצן וואָס מע האָט אים אָפּגעטאָן דורך אַ כּישוף, אַז זײַן ווײַב האָט אים פֿײַנט, – טאָ נעם וואָלפֿסגאַל, שנײַד זי אין בוימל, שמיר דערמיט דעם ״אבֿר״ ווען ער ליגט בײַ איר. תּיכּף וועט זײַן גרויס אַהבֿה צווישן זיי און עס וועט ניט שאַטן קיין כּישוף.

עס פֿאַרשטייט זיך אַז די אָפּטקייט פֿון אַזעלכע פּראָבלעמען אין דעם כּתבֿ־יד איז זייער באַלערעוודיק פֿון אַ סך אַנדערע קוקווינקלען, נישט נאָר ווען מע וויל רעקאָנסטרויִרן די גענעאַלאָגיע פֿון מעדיציִנישע טעקסטן - און אַז אַ סך אַנדערע טעמעס וואָלט מען אויך געדאַרפֿט אַרומרעדן אין שײַכות מיט דעם־אָ כּתבֿ־יד, אָבער דאָס וועט שוין מוזן וואַרטן ביז נאָך אַן אַרטיקל...
לאָמיך נאָר אונטערשטרײַכן אַז דער כּ״י האָט אין די לערך 50 יאָר איידער ער איז אַרײַן צו די מאָנאַכן אין ווײַנגאַרטן, באַוויזן צו האָבן אַן אַוואַנטוריסטיש לעבן: - אַרײַנגענומען רעצעפּטן פֿון פֿאַרשיידענערליי מקורים אין די הענט פֿון אַ בקי אין אַלגעמיינער מעדיצין, דערנאָך אַרײַנגעפֿאַלן אין די הענט פֿון עמעצן וואָס האָט געהאַט צו טאָן דער־עיקר מיט היילן פֿערד, און צום סוף אַרײַנגעפֿאַלן צו אַ לץ וואָס האָט שוין קיין דרך־ארץ ניט געהאַט פֿאַר דעם בוך און חוזק געמאַכט פֿון די אַלטפֿרענקישע מיטלען וואָס אין אים - און אפֿשר קיין חרטה ניט געהאַט, וואָס עס איז אַרײַן אין אַ קריסטלעכער ביבליאָטעק... אָבער – ווי געזאָגט – , ס׳איז גענוג אויף הײַנט און... דערווײַל ווינטש איך אײַך, אַזוי ווי אונדזער כּתבֿ־יד, ״אַז קיין כּישוף זאָל אײַך ניט פֿאַרשאַטן.״

* * *

ווי אַ צוגאָב וויל איך נאָר אילוסטרירן די שפּעטערדיקע הומאָריסטישע כלומרשטע רעצעפּטן – ווײַל ווער האָט שוין געלייענט אַלט־ייִדישע וויצן? איך בין מותּר אויף די צוויי פּעטע וויצן וואָס אויף דף $68^{r}$; זיי זענען עפּעס שווער צו פֿאַרשטיין... אָט זענען די צוגאָבן וואָס אויף $82^{v}$:

* ווער דא גערן פרעצן עשט
* דער נעם איין עטליכן פפּעניג אונ׳ גיא צום בעק אונ׳ קויף אים אזו ויל אז ער וויל האבן . מן ור קויפֿט אים זיא
* ווער דא וויל מכן דז אין אידרמאן פֿיינט גיווינט דער טו וואז אל דער וועלט לייד איז, דען גיווינט אידרמאן פֿיינט בדוק
*ווילשטו מכן איין הונט רידן דער גיב אים לֵיבן שמלץ צו עשן אונ׳ נאך איינרלייא איך קאן עש איצונדר ניט נענן, זא ווען דו אים דאז איין גיבשט זא רעט ער אזא ויל אז דו ווילשט . עש איז גיוויש אז איין [פֿורץ] אין זיב . בדוק[15]

שמעון נויבערג (טריר) / Simon Neuberg (Trier)

15 * ווער עס האָט ליב צו עסן בייגעלעך – דער זאָל נעמען עטלעכע גראָשן [״פֿעניק״], גיין צום בעקער און קויפֿן וויפֿל ער וויל האָבן, מען פֿאַרקויפֿט זיי אים! * ווער עס וויל מאַכן יעדערער זאָל אים ווערן פֿײַנט, – דער זאָל טאָן וואָס דער וועלט איז אומאײַנגענעם, וועלן אים אַלע פֿײַנט קריגן. בדוק! * ווילסטו מאַכן אַז אַ הונט זאָל רעדן, טאָ גיב אים צו עסן לייבנשמאַלץ מיט נאָך אַ זאַך וואָס איך קען איצט ניט אויסזאָגן. אויב נאָר דו גיסט אים דאָס, רעדט ער אַזוי פֿיל ווי דו ווילסט. דאָס איז אַזוי זיכער ווי אַ פֿאָרץ אין זיפּ. בדוק!

## אַלטייִדישע מעדיצינישע וויצן

וויצן זענען איינער פֿון די פּאָפּולערסטע זשאַנערן אויף ייִדיש, אָבער זיי צירקולירן דער עיקר בעל־פּה. אין דער עלטערער ייִדישער ליטעראַטור איז דאָס נאָך בולטער ווי אין מאָדערנע צײַטן: וויפֿל פֿאַרמאָגן מיר ייִדישע וויצן פֿון אַלטע צײַטן? דאָס ביסל פּעטע וויצן וואָס אין די פּרייִקע פּורים־שפּילן און די וויציקע מאָמענטן אין ברייטערע ווערק רעכן איך ניט אַרײַן: זיי שטעלן ניט מיט זיך פֿאָר קיין גאַנצע זאַכן, וואָס מע זאָל זיי קענען אַרויסשיילן פֿון זייער קאָנטעקסט. איך וואָלט געוואָלט געפֿינען קורצע דערציילונגען וואָס מע קען איבערדערציילן בײַ אַ פּאַסיקער געלעגנהייט – אַ שטייגער ווי אַ משל – און דערוואַרטן אַז פֿון דעם וועט מען לאַכן...

אויב מיר זוכן אַזעלכע טעקסטעלעך, אַפֿילו פֿאַרפֿלאָכטענע אין ברייטערע ווערק, בלײַבן מיר מיט ווינציק מאַטעריאַל. אַ פּאָר פֿון אונדזערע משלים און מעשׂיות שטאַמען מסתּמא פֿון וויצן.

צ״ב נ״ר 250 אין מעשׂה־בוך, וואָס די מעשׂה הייבט זיך אָן בקיצור אַזוי: פֿיר זין שפּײַזן זייער אַלטן טאַטן יעדן טאָג לויט אַ ריי, זיי שעמען זיך אָבער מיט אים ווײַל יעדן טאָג זשליאָקעט ער זיך אָן. ווילן זיי אים אויסהיילן פֿון זײַן שיכּרות. איין מאָל זעען זיי ווי א שיכּור וואַלגערט זיך אין גאַס, באַנאַרישט זיך שרעקלעך בשעת ייִנגלעך לויפֿן אים נאָך און באַוואַרפֿן אים מיט שטיינער. וואַרט דער אַלטער מאַן ביז יענער ניכטערט זיך אַ ביסל אויס, גייט ער צו צו אים און פֿרעגט... ווו ער האָט דאָס געקראָגן דעם געשמאַקן ווײַן...[16] אאַ״וו[17]

אָבער די פֿאָרעם ווי די טעקסטן זענען צו אונדז געקומען לאָזט נאָר שוואַך דערקענען צוליב וואָס מע וואָלט געדאַרפֿט לאַכן. איין רעטעניש צווישן די פֿאַרווײַלנדיקע מאַטעמאַטישע אויפֿגאַבעס וואָס אין אַ האַנטשריפֿטלעכער זאַמלונג מיט כּלערליי פֿאַרשיידענע טעקסטן[18] – וואָס נאָך איז דאָ?

גוט וואָס ספּעציאַליסטן אויף מעדיצין זענען באַקאַנט דערפֿאַר, וואָס זיי מוזן זיך כּסדר וויצלען. אָט געפֿינען מיר וויציקע שטעלן אין אַ מעדיצינישן כּתבֿ־יד וואָס איז אין אַ גרויסער מאָס געשריבן געוואָרן אין מעסטרע (בײַ ווענעציע) אין יאָר 1474. דאָרטן זענען פֿאַראַן שפּורן פֿון פֿאַרשיידענע באַזיצערס זײַנע.[19] – האָט מסתּמא דער לעצטער ייִדישער באַזיצער, איידער דער

16 די מעשׂה איז איבערגענומען פֿון ״תּנחומא״ (פּרשת שמיני), און שוין דאָרטן איז דער וויץ נישט אין גאַנצן קלאָר. אין מ״ב ווערט ער נאָך אַ ביסל מער קאַליע געמאַכט – אָבער: דאי לחכּימה!

17 זע Eyn shön mayse bukh. Fac-similé de l'editio princeps de Bâle (1602). Traduction du yiddish, introduction et notes par Astrid Starck, באַזל 2003, ב״ד 2, ז׳ 806-809.

18 דהײַנו דער אָקספֿאָרדער כּ״י Can.Or. 12, באַשריבן פֿון נ. שטיף: אַ געשריבענע ייִדישע ביבליאָטעק אין אַ ייִדיש הויז אין ווענעציע אין מיטן דעם 16טן י״ה. אין: צײַטשריפֿט (מינסק) 1 (1926), שפּ. 141-150 און 4/3 (1928), שפּ. 525-544.

19 אַן איבערבליק וועגן דעם כּ״י און זײַן סטרוקטור וועל איך דרוקן אין קומעדיקן נומער ״ייִדיסטיק־מיטטיילונגען״ [נ״ר 53, 2015] - אַן איבערבליק וועגן דעם תּוכן האָט בערנשטיין געדרוקט; זע מרדכי וואָלף בערנשטיין: צוויי רעצעפּטן־כּתבֿ־ידן אין אַלט־ייִדיש פֿון די יאָרן 1474 און 1509. אין: דווקא 4 (1953), ז׳ 330-361 – און אין: ניט דערברענטע שײַטן (= אַרגענטינער ייִוואָ־ביבליאָטעק 17), בוענאָס־אײַרעס 1956, ז׳ 183-221 (nybc206389). אויסצוגן דערפֿון בײַ פֿרייקס, ד״ה Jerold C. Frakes: Early Yiddish Texts 1100-1750 (עלטערע ייִדישע טעקסטן), אָקספֿאָרד 2008 (נ״ר 19, ז׳ 72-77).

כתבֿ־יד איז אַריבער אין אַ מאָנאַכישער ביבליאָטעק אין ווײַנגאַרטן (הײַנט געפֿינט ער זיך אין שטוטגאַרט) שוין ניט געהאַט דעם גרעסטן דרך־ארץ פֿאַר דער ריזיקער רעצעפּטן־זאַמלונג - אָדער ער איז געווען שפּירעוודיק צו די קאָמישע זײַטן פֿון אַן ערנסטער זאַך - און צוגעגעבן אין געבליבענע פֿרײַע ערטער פּאַראָדישע רעצעפּטן אינעם סטיל פֿון די אַלטע רעצעפּטן – נאָר מיט אַ קענטיקער חוזקדיקער כוונה.

צוויי רעצעפּטן זענען מיט סעקסועלע וויצן וועגן מענטשן וואָס מיר קענען נישט. אָט זענען די דרײַ אַנדערע (אַלע אויף בלאַט 282ב):

* ווער דא גערן פּרעצן עשט דער נעם איין עטליכן פּפֿעניגג אונ׳ גיא צום בעק אונ׳ קויף אים אזו ויל אז ער וויל האבן . מן ור קויפֿט אים זיא

* ווער דא וויל מכן דז אין אידרמאן פֿיינט גיווינט דער טו וואז אל דער וועלט לייד איז דען גיווינט אידרמאן פֿיינט בדוק

*ווילשטו מכן איין הונט רידן דער גיב אים לֵיבן שמלץ צו עשן אונ׳ נאך איינרלייא איך קאן עש איצונדר ניט נענן, זא ווען דו אים דאז איין גיבשט זא רעט ער אזא ויל אז דו ווילשט . עש איז גיוויש אז איין [פֿורץ] אין זיב . בדוק

אויף אַ מאָדערנער שפּראַך הייסט עס לערך:

* ווער עס האָט ליב צו עסן בייגעלעך – דער זאָל נעמען עטלעכע גראָשן [״פֿעניק״], גיין צום בעקער און קויפֿן וויפֿל ער וויל האָבן, מען פֿאַרקויפֿט זיי אים!

* ווער עס וויל מאַכן יעדערער זאָל אים ווערן פֿײַנט, – דער זאָל טאָן וואָס דער וועלט איז אומאײַנגענעם, וועלן אים אַלע פֿײַנט קריגן. בדוק!

* ווילסטו מאַכן אַז אַ הונט זאָל רעדן, טאָ גיב אים צו עסן לייבנשמאַלץ מיט נאָך אַ זאַך וואָס איך קען איצט ניט אויסזאָגן. אויב נאָר דו גיסט אים דאָס, רעדט ער אַזוי פֿיל ווי דו ווילסט. דאָס איז אזוי זיכער ווי אַ פֿאָרץ אין זיפּ. בדוק!

אפֿשר האָט איר ניט געלאַכט... נו – עס איז באַקאַנט, ווי שווער עס איז צו לאַכן פֿון אַ וויץ מיט צוגאָב־דערקלערונגען. איך האָב אָבער פֿאָרט אויך געוואָלט ווײַזן די (מעדיצינישע) שפּראַך, ווי זי האָט אויסגעזען אַרום 1500... נאָר נאָך מער דערקלערונגען וועל איך אַוודאי ניט צוגעבן. עס איז קלאָר אַז דער וויץ איז אויך דאָ ניט אומאָפּהענגיק פֿון קאָנטעקסט, און אַז ווער עס האָט ניט קיין דערפֿאַרונג מיט אַזאַ כתבֿ־יד, ווער עס איז ניט קיין רופֿא פֿון אַלטן שניט, האָט מיסתּמא אַפֿילו אָן די שפּראַכיקע מניעות ניט די בעסטע סיבות זיך צו צעלאַכן – איך קען אָבער באַשטעטיקן פֿון דער אייגענער פּראַקטיק אַז נאָכן איבערלייענען העכער 800 רעצעפּטן (ערנס־טע) – איז דאָס זייער קאָמיש!